ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ה׳ | פרשת בחוקותי | שנת תשע"א

**את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו, אם בחוקותי תלכו:**

דער **ילקוט האורים** איז משלב די סוף פרשת בהר מיטן אנהייב פון פרשת בחוקותי, לויט דעם וואס די גמרא זאגט (ברכות דף ו׳ ע"ב) **היוצא מבית הכנסת אל יפסיע פסיעה גסה**, אז מ'טאר נישט ארויסלויפן פון ביהמ"ד, זאגט אבער אביי אז דאס איז נאר געזאגט געווארן ביים ארויסגיין פון ביהמ"ד אבער ביים אריינגיין אין ביהמ"ד מעג מען יא לויפן. פירט אויס די גמרא אז רבי זביד האט געזאגט אז אמאל ווען ער האט געזעהן רבנן לויפן אין ביהמ"ד שבת האט ער געמיינט אז זיי זענען מחלל שבת, אבער נאכדעם וואס ער האט געהערט די הלכה פון אביי אז מ'מעג לויפן אין ביהמ"ד האט ער זיך בארוהיגט.

דאס איז די סמיכות הפרשיות **את שבתותי תשמורו**, וואס באדייט אז מ'טאר נישט לויפן שבת, **ואת מקדשי תיראו**, וואס באדייט אז אלס כבוד ביהמ"ד זאל מען יא לויפן, איז דאס לכאורה א סתירה, זאגט דער פסוק **אם בחוקותי תלכו**, אויב מ'גייט לערנען און דאווענען אין ביהמ"ד, דעמאלטס מעג מען יא לויפן.

*

**ואכלתם לחמכם לשובע וישבתם לבטח בארצכם:**

דער **הייליגער רבי פון לובלין** זי"ע טייטשט די גמרא אין מסכת חגיגה (דף ט׳ ע"ב) וואס זאגט אז ארימקייט איז שיין פאר אידן, אזוי ווי א רויטע בענדל אויף א ווייסע אייזל,

איז ער מסביר, אז א רויטע בענדל איז שיין פאר א ווייסע אייזל נאר ווען מ'פירט עס אויפן גאס צו פארקויפן, דעמאלטס באצירט מען שיין דאס אייזל, כדי מ'זאל עס וועלן קויפן, אבער ווען דאס אייזל איז אין שטאל און עסט שטרוי, נעמט מען אראפ פון אים אלע באצירונגען ווייל דעמאלט פאסט עס בכלל נישט אויף אים.

דאס זאגט די גמרא, ארעמקייט איז שיין פאר אידן, נאר אינדערויסן ווען גויים זעען, כדי זיי זאלן נישט מקנא זיין די אידן, אבער אינעווייניג אינדערהיים דארפן אידן אודאי האבן עשירות מיט אלעם גוטן.

דער **כלי יקר** זאגט אויפן פסוק **"פנו לכם צפונה"** עשירות ווערט אנגערופן **צפון** (הרוצה להעשיר יצפון) אז ווי לאנג אידיש קינדער זענען אין גלות דארף מען באהאלטן דאס עשירות און רייכקייט פון די גויים, נישט אנטוהן קיין רייכע קליידער און נישט בויען קיין רייכע הייזער כדי די גויים זאלן נישט מקנא זיין, און ער פירט אויס אז דאס איז דער גורם פון אלע צרות וואס האבן באטראפן דעם כלל ישראל אין גלות.

טייטשט מיט דעם דער רבי ז"ל אין **ברך משה**, דעם פסוק **ואכלתם לחמכם לשובע** ווי רש"י הק׳ זאגט **אוכל קמעה והוא מתברך במעיו** אז די ברכה קומט אריין אינעווייניג כדי זיך נישט צו ווייזן פאר די גויים, במילא וועט נישט זיין קיין קנאה פון די גויים, דעמאלט וועט זיין **וישבתם לבטח בארצכם** וועלן אידישע קינדער זיצן רואיג אן קיין רדיפות פון די גויים.

*

**ורדפו מכם חמשה מאה ומאה מכם רבבה ירדופו ונפלו אויביכם לפניכם לחרב:** זאגט רש"י שיהיו נופלים לפניכם שלא כדרך הארץ, לכאורה וואס וויל דא רש"י צולייגן מער ווי עס שטייט שוין בעפאר אין פסוק?

ענטפערט דער **ילקוט האורים** לויט דעם וואס דער מדרש דערציילט ביי **גלית הפלשתי** ווען דוד המלך האט אים גע'הרג'עט איז ער געפאלן אויף זיין פנים, כאטש בדרך הטבע וואלט ער געדארפט פאלן אויפן רוקן, נאר כדי דוד המלך זאל זיך נישט דארפן מצער זיין צו גיין א לאנגן וועג פון 12 איילן אזוי הויך ווי דער ריז גלית איז געווען ביז זיין קאפ אהין גיין און צוריק קומען, האט דער אייבערשטער געמאכט אז ער זאל פאלן אויפן פנים ממש פאר די פיס פון דוד המלך, און אזוי האט ער אים גע'הרג'עט.

דאס זאגט דער פסוק **ונפלו אויביכם לפניכם לחרב**, אז זיי וועלן פאלן ממש פאר ענק, זאגט רש"י **שיהיו נופלים שלא כדרך הארץ** וואס מ'פאלט אויפן רוקן, נאר זיי וועלן פאלן אויפן פנים אז עס זאל זיין גרינגער צו הרג'ענען.

### אם בחוקותי תלכו

עס איז אמאל געקומען א סוחר צום **רבי'ן ר׳ מיכלע זלאטשובער זי"ע**, אין א שניי ווינטערדיגע נאכט ווען עס איז אינדערויסן געווען א שטארקע פרעסט, און ער האט געטראפן דעם רבי'ן ר׳ מיכלע זיצן אין א איינגענעמע ווארעמע שטוב און לערנט געשמאק, האט זיך דער סוחר אנגערופן צו אים "כ'זע אז דער רבי האט זייער א גוטע עולם הזה, דער רבי וועט האבן דערצו עולם הבא אויך?".

ענטפערט אים דער רבי ר׳ מיכלע "אוודאי עס איז דאך א קל וחומר, מה-דאך עולם הזה וואס מיר טוען גארנישט דערצו און מיר מוטשענען זיך נישט דערויף האבן מיר ב"ה, איז דאך א ק"ו אז עולם הבא וואס מיר מוטשענען זיך יא דערויף וועלן מיר אוודאי האבן, און ביי דיר איז גאר פארקערט, מה-דאך עולם הזה וואס דו מוטשעסט זיך דערויף האסטו נישט, קל וחומר עולם הבא וואס אינטערעסירט דיך נישט, און דו פלאגסט זיך נישט דערויף, וועסטו אוודאי נישט האבן.

זאגט דער **רביד הזהב** אז דאס איז די פשט אין פסוק: **אם בחקתי תלכו**, וואס טייטשט **שתהיו עמלים בתורה**, אז מען וועט זיך פלאגן אויף לערנען תורה וואס דאס איז עולם הבא, דעמאלטס זאגט די תורה צו **ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה**, ווייל אז מען פלאגט זיך אויף רוחניות באקומט מען ביידע סיי עולם הבא און סיי עולם הזה, אבער ווען מען פלאגט זיך אויף גשמיות בלייבט מען אן ביידע.

# אוצר הידיעות

## פרשת התוכחה

די וואך ליינען מיר די פרשה פון **"ואם לא תשמעו לי"** וואס ווערט אנגערופן פרשת התוכחה.

עס זענען דא פארשידענע מנהגים ווי אזוי מ'איז עולה לתורה ביי די פרשה, וויבאלד געווענליך ווילן נישט מענטשן אז מ'זאל פאר זיי פארליינען די אלע קללות. צדיקים האבן אבער געזאגט אז כאטש וואס די פסוקים זענען שארפע און ביטערע עונשים, זעהט מען אבער אין די פסוקים פול מיט ברכות און טובות פאר אידישע קינדער.

עס איז געווען אמאל ווען אין ביהמ"ד פון **הרה"ק רבי ר' בונם פון פרשיסחא ז"ל** האט מען אויפגערופן א איד צו די תוכחה, און יענער האט זיך פארשעמט און אפגערעדט פארן רבי'ן ר' בונם אז מ'האט אים געגעבן די עלי', האט אים רבי ר' בונם געזאגט איך פארשטיי נישט, איך האב אויך געלערנט די תוכחה, און איך האב זייער הנאה געהאט זעהנדיג ווי דער רבש"ע זאגט **"ואם באלה לא תוסרו לי"** אפילו נאכדעם וואס אידישע קינדער ווערן אפקערן, באלאנגט איר נאך אלס פאר מיר, וואס קען מען זיך דען נאך אויף דעם אפרעדן?!...

דער **בעל התניא** פלעגט אלע יארן אליינס ליינען די פרשה אין די תורה, איינמאל פר' בחקותי האט ער זיך נישט גוט געשפירט, און ער האט מכבד געווען איינעם פון די חסידים צו ליינען אנשטאט אים. נאך די תוכחה איז דער זון פונעם בעל התניא הצמח צדק זי"ע געפאלן חלשות, ווען מ'האט אים דערמינטערט האט ער געזאגט "עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך הער אז עס זאל שטיין קללות אין די תורה, פון מיין טאטן האב איך דאס קיינמאל נישט געהערט".

אין **ספר החיים** (ספר זכיות ח"א פ"ז) ווערט געברענגט "שמעתי מזקן אחד אז עס איז אמאל געווען א שטאט וואו קיינער האט נישט געוואלט עולה זיין די תוכחה, און שטייענדיג ביי די פרשה איז די ס"ת געבליבן אפן א לענגערע צייט, איז דארט געווען א חכם - וואס ער איז געווען א כהן אדער א לוי און נישט געקענט עולה זיין - וואס האט זיך אנגערופן "איך גלייב אז די שטאט וועט נאך אמאל חרוב ווערן". ליידער, נאך אין יענעם יאר איז די שטאט חרוב געווארן צוליב דעם גרויסן בזיון התורה.

**הרה"ק רבי ר' פינחס'ל קאריצער זי"ע** האט געזאגט אז אין די תוכחה איז דא אזעלכע גרויסע ברכות, אז די וועלט וואלט דאס נישט געקענט פארנעמען, דעריבער האט מען דאס געמוזט באהאלטן אין קללות.

**הרה"ק רבי חיים חייקא מאמדורא ז"ל** פלעגט וויינען ביי די תוכחה "אזא זיסע תורה, צו וואס דארף מען נאך די תוכחה?!"...

# אוצר רבותינו

## שתהיו עמלים בתורה

בזמן **שהגה"ק רבי משולם איגרא זצ"ל** היה רב בעיר טיסמעניץ, נכנסו פעם שני אנשים שבאו מעיר הקרובה והיה ביניהם איזה מחלוקה, ורצו לקיים הדין תורה אצל הרב מטיסמעניץ שהיה ידוע כגאון הדור. אבל כאשר שמע טענותיהם ראה שזה שאלה קשה מאד, וביקש מהם שילכו ויחזרו למחר כדי שיוכל לעיין בדין זה בישוב הדעת.

בהיות שהבעלי דינים לא יכלו להמתין עד למחר, נכנסו להרב של עירם, ובקשו ממנו שיפסוק הדין תורה, ואמרו לפניו טענותיהם. הרב ביקש מהם להמתין זמן קצר ונכנס לחדרו, והתפלל להשי"ת בדמעות שיזכה לפסוק פסק דין הלכה לאמיתה של תורה. ואחר כך נטל איזה ספר מארון הספרים ופתחו, ומיד מצא השאלה והתשובה, ואכן פסק להם דינם כראוי.

זמן אחר כך כאשר הבעלי דינים היו בעיר טיסמעניץ, חשבו שאולי כדאי לכנס להרב מטיסמעניץ ולבקש ממנו שיאמר להם מה שהוא פוסק בדינם. והיה להם פלא לשמוע איך שהגאון רבי משולם פסק ממש כמו הרב שלהם.

אז ספרו לו כל האמת שכבר ערכו הדין תורה אצל הרב דעירם, והוא ביקש רק זמן קצר לעיין ומיד פסק דין זה, ממש כמו שפסק להם רבי משולם.

רבי משולם איגרא נתפעל מאד כששמע דבר זה, והבין שהרב הנ"ל צריך להיות גאון עולם אם ביכלתו לפסוק פסקים כאלו תוך זמן קצר, ונסע מיד לעיר הנ"ל והתנהג עם הרב בכבוד גדול.

הרב הנ"ל השתומם בראותו הכבוד הגדול שחילק לו הרב מטיסמעניץ ושאלו על זה, סיפר לו רבי משולם מעשה שהיה, והוא נתפעל מאד בראותו גדלותו בתורה מזה שהיה יכול לפסוק דין תורה קשה בזמן קצר כזאת.

אז גילה לו הרב שבאמת לא היה בידו לפסוק הדין תורה, רק התפלל אל ה' שיאיר עיניו בתורתו ויוכל לפסוק דין אמת לאמיתו, ובסייעתא דשמיא מצא תיכף התשובה ופסק הדין.

נענה רבי משולם ואמר: "וויינען קענען מיר אויך, אבל דרך האמיתי לזכות לכתר תורה הוא על ידי שתהיו עמלים בתורה מתוך עמל ויגיעה".

**תלמיד יקר! הנך רואה שהתחלנו לערוך את הסיפור בלשון הקודש, תשתדל לקרוא את הסיפור ולהבינו כראוי, כדי להתרגל בקריאה בלשון הקודש כראוי.**

# יגעת ומצאת

מיר שטייען איצט אין די טעג פאר "ל"ג בעומר", וואס אין איר געפאלט די יארצייט פונעם הייליגן תנא "רבן שמעון בן יוחאי דעריבער וועלן מיר לערנען פארשידענע ענינים מעניניא דיומא.

**וואס געפונען מיר אין רש"י על התורה פון די מדריגות פון רשב"י?** (רש"י פר' נח) - **ווער איז געווען דער טאטע פון רבן שמעון** (עי' במס' שבת דף ל"ג) - **זיין שווער- זיין זון - וואו ליגט ער באערדיגט? - אין וועלכע תקופה האט ער געלעבט? - אין וועלכן טאג איז ער געבוירן?** (עי' בני יששכר חודש אייר אות ב') - **אין וועלכן יארן האט מען געמאכט א ח-ר-ם אז מ'טאר נישט גיין צום ציון פון רשב"י?** (עי' בספה"ק על הגאולה ועל התמורה סי' ק"ז) - **אויף וויפיל יאר איז געווען דער איסור? - פארוואס? - נאכדעם וואס די 24,000 תלמידים פון ר' עקיבא זענען געשטארבן איז ר' עקיבא געגאנגען לערנען מיט 5 תלמידים, ווער זענען זיי געווען?** (עי' במס' יבמות דף ס"ב ע"ב) - **פון וואו איז דער מקור צו שפילן מיט א "ל"ג בעומר שיסער"?** (עי' בספה"ק בני יששכר ל"ג בעומר) - **וואספארא ברכה גיט די גמרא פאר ניי געבוירענע אידישע קינדער?** (עי' מכות דף י"ז ע"ב)

*

### ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס מ'טרעפט כסדר אין די גמרא אלס ראשי תיבות)

**בי"ד – א"כ, ת"ל, בע"כ, קמ"ל, חכ"א, ס"ד,**
**בלע"ז, גז"ש, הו"א, ל"ג**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' בהר

א. טעם הדבר שסופרים ספירת העומר החל מיום אחד ולא להיפך, כתב בספר החינוך הטעם מחמת שדרך האנשים להתחיל לספור מהתחלה מהמספר הקטן ולא להיפך.

ב. ומה"ט לא משנים באמצע ימי הספירה הסדר, אפילו כאשר עומדים כבר בחלק השני של הספירה אצל המספרים הגבוהים.

ג. טעם שנקרא פסח שני, מחמת שהפסח הוא בחודש השני, חודש אייר.

ד. בחז"ל מצינו שנקראה "פסח קטן".

ה. רבי מאיר בעל הנס נקרא ע"ש נס שנעשה ע"י שהזכירו את שמו כמבואר בגמ' ע"ז דף י"ח ע"א.

ו. קברו של התנא ר"מ בעה"נ בעיר טבריה.